אויף ייִדיש

**אָט דאָס איז SiS**

דער אינסטיטוציע־אַמט פון דעם שטאַט, Statens institutionsstyrelse, SiS איז געגרינדעט געוואָרן אין 1994. SiS באַשעפֿטיקט זיך מיט אינדיווידועל אָנגעפּאַסטע קאָמפּולסיווע באַהאַנדלונג פֿאַר יוגנטלעכע און פֿאַר דערוואַקסענע באַעוולער.

**LVU אויספֿאָרשונג און באַהאַנדלונג אין באַזונדערע יוגנטהיימען**

יעדעס יאָר ווערן בערך 20 000 קינדער און יוגנטלעכע אָפּגעהיט פֿאַר באַהאַנדלונג מחוץ דרויסן פֿון דער היים. בערך 1300 פֿון זיי ווערן אַוועקגעזעצט אין איינער פֿון די באַזונדערע SiS־היימען פֿאַר יוגנטלעכע. די יוגנטלעכע וואָס קומען צו SiS זענען אין דעם אַלטער 12-21 יאָר און האָבן בדרך־כּלל אַ שווערע הינטערגרונט מיט באַעוולונג, קרימינאַליטעט און פּסיכאָ־סאָציאַלע פּראָבלעמען.

געוויסע יוגנטלעכע בלײַבן בײַ SiS עטלעכע יאָר, אָבער פֿאַר אַנדערע איז דער אָפּהאַלט אַ סך קירצער. דאָס איז דער באַדאַרף וואָס באַשטימט ווי לאַנג די אָפּהאַלטצײַט זאָל ווערן.

פֿאַר אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל וואָס ווערן אײַנגעשריבן בײַ SiS על־פּי LUV (געזעץ מיט באַזונדערע באַשטימונגען וועגן באַהאַנדלונג פֿון יוגנטלעכע) הייבן זיך דער אָפּהאַלט אָפּט אָן מיט אַן אויספֿאָרשונג פֿון צוויי חדשים. די אויספֿאָרשונג ווערט זײַן דער גרונט פֿאַר דעם אינדיווידעלען באַהאַדלונגספּלאַן.

די באַהאַנדלונג אין די באַזונדערע יוגנטהיימען פֿון SiS זאָל נעמען אין באַטראַכט די באַדאַרפֿן פון די יוגנטלעכע אַליין און זי מוז זײַן באַזירט אויף פֿאָרשונג און אויסגעפּרוווטער דערפֿאַרונג. די יוגנטלעכע מעגן האָבן פֿאַרשידענע פּראָבלעמען, אָבער אַ סך דאַרפֿן הילף וועגן אַגרעסיוויטעט, שלעכטן אויפֿפֿיר,באַעוולונג און קרימינאַליטעט. איןSiS באַנוצט מען עטלעכע גוט דאָקומענטירטע קאָגניטיווע פּראָגראַמען, סבֿיבֿה־טעראַפּיע, צוועלפֿשריט־פּראָגראַמען און פּראָגראַמען קעגן קרימינאַליטעט.

צו SiS קומען יוגנטלעכע וואָס האָבן גרויסע פֿעלן אין זייער שולגאַנג. אַלע האָבן די גערעכטיקייט צו דערהאַלטן די דערציונג וואָס זיי באַדאַרפֿן, אומאָפּהענגיק פֿון עלטער, פּראָבלעמען און פֿריערן שולגאַנג. אַ הויכע קאָנצענטראַציע פֿון לערערס און דערציונג אין קליינע גרופּעס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער שולטעטיקייט בײַ SiS.

**LSU - געשלאָסענע יוגנטלעכע באַהאַנדלונג אַנשטאָט תּפֿיסה**

יונגע־לײַט וועלכע באַגיין ערנצטע פֿאַרברעכס ווען זיי זענען אין דעם אַלטער 15-17 יאָר ווערן פֿאַרמישפּעט צו געשלאָסענער יוגנטלעכע באַהאַנדלונג אַנשטאָט תּפֿיסה. דאָס איז אַ שטראָף אויף אַ געוויסע צײַט וואָס ווערט אָפּגעזעסן אין ספּעציעלע אָפּטיילונגען אין די באַזונדערע יוגנטלעכע היימען פֿון SiS. די צײַט אין דער היים זאָל באַנוצט ווערן פֿאַר באַהאַנדלונג, און דער שטראָף - און גלײַכצײַטיק די באַהאַנדלונגסצײַט - קאָן וואַריִרן צווישן פֿערצן טעג און פֿיר יאָר. דער אָפּהאַלטצײַט איז באַשטימט פֿון דעם פֿאַרברעכן און ניט פֿון דעם באַהאַנדלונגס־באַדאַרף.

די יונגע־לײַט וואָס ווערן פֿאַרמשיפּעט צו געשלאָסענער יוגנלעכע באַהאַנדלונג נעמען אָנטייל אין דער געוויינטלעכער פּראָגראַם־טעטיקייט פֿון דער היים. בײַ דער פֿורעמונג פֿון דער באַהאַנדלונג

און דער אויסבילדוג נעמט מען באַזונדערע אַכטונג אויף דער זיכערקייט. די פֿאַרברעכנס וואָס די יוגנטלעכע האָבן באַגאַנגען און ווי זיי זענען באַרייט צו אַנטלויפֿן שפּילט אַ ראָלע ווי די באַהאַנדלנג וועט אויסזען.

דער ציל מיט דער צײַט ביַי SiS זאָל דערלייַכטערן דעם שריט צוריק אין דער געזעלשאַפֿט נאָך דעם אָפּגעדינטן שטראָף. די באַהאַנדלונג דערנאָך איז וויכטיק און זיכערט די רעזולטאַטן וואָס האָבן אָנגעהויבן אין דער צײַט אויף דער אינסטיטוציע.

**LMV - צו מוטיווירן און באַהאַנדלען דערוואַקסענע באַוולער**

אין די LVM-היימען פֿון SiS נעמט מען יעדעס יאָר אַרײַן בארך טויזנט דערוואַקסענע באַוולער וואָס זענען געשטעלט דורך צוואַנג לויט LVM (געזעץ וועגן באַהאַנדלונג פֿון באַוולער אין געוויסע פֿאַלן). די קליענטן אין דער LMV-באַהאַנדלונג זענען שווער אָפּהענגיק פֿון נאַרקאָטיק. עס קען זיַין די פֿראַגע פֿון באַעוולונג פֿון אַלקאָהאָל, נאַרקאָטיק אָדער רפֿואות, אָדער אַ פֿאַרמישעכץ. די באַהאַנדלונג אין די אינסטיטוציעס פֿון SiS וויל די אָפּהענגיקייט אָפּברעכן און מוטיווירן צו אַ וויַיטערע באַהאַנדלונג אין פֿרײַוויליקע פֿאָרמען.

דער אָפּהאַלט ביַי SiS הייבט זיך בדרך־כּלל אָן מיט וועקנעמען דעם סם און אויספֿאָרשונג וועגן די פּראָבלעמען און דאָס באַדערפֿעניש פֿון דעם קליענן. די אויספֿאָרשונג באַשטימט דעם אינדיווידועלן באַהאַנדלונגס־פּלאַן.

די LVM-באַהאַנדלונג דויערט העכסטנס זעקס חדשים און זול באַלד ווי גיכער אַריבערגיין אין אַ באַהאַנדלונג אין מער עפֿנע פֿאָרמען. עס איז פֿאַר SiS וויכטיק צו עטאַבלירן גוטע קאָנטאַקטן מיט דער נעץ און מיט די קרובֿים פֿון דעם קליענט און מיט דער קומענדיקער סאָציאַלער דינסט. דערנאָך איז אַ פֿונקציאָנירנדיקע באַהאַנדלונג אַ באַדינגונג פֿאַר וויַיטערע אונאָפּהענגיקייט פֿון נאַרקאָטיק.

די באַהאַנדלונג אין די LVM-היימען איז באַזירט אויף קענטעניש און געפּרוווטע דערפֿאַרונג. די באַהאַנדלונגס־מעטאָדן גייען אַרויס פֿון דעם באַדאַרף פֿון דעם אינדיווידועלן קליענט. מוטיווירנדיקע שמועסן (MI), רעצידיוו־פּרעוווענציאָן, צוועלףשריט־באַהאַנדלונג און טעראַפּיע וואָס באַפֿעסטיקט דעם אייגענען איך זענען אַ טייל פֿון די מעטאָדן וואָס ווערן באַנוצט.

**פֿאָרשונג - מאַכט די צוקונפֿט בעסער**

פֿאָרשונג און אַנטוויקלונג האָבן כּסדר געהאַט אַ וויכטיקע ראָלע אין SiS. די אינסטאַנץ פֿינאַנצירט עטלעכע פֿאָרשונגס-, אַנטוויקלונגס- און דערציִערישע פּראָיעקטן צו פֿאַרבעסערן די באַהאַנדלונג און פֿאַרגרעסערן די קאָמפּעטענץ פֿון דעם פּערסאָנאַל. די פּראָיעקטן זענען אויך וויכטיק צו פּרוּוון נײַע מעטאָדן אין דער אויספֿאָרשונגס־ און באַהאַנדלונגסאַרבעט אין באַזונדערע יוגנלעכע היימען און LVM-היימען. דער נאָכגיי און די אָפּשאַצן וואָס ווערן געמאַכט וועלן די אינסטיטוציעס העלפֿן צו געפֿינען די כּוחדיקסטע באַהאַנדלונגס־מעטאָדן.